בעזהשי"ת


שלום יהודה גראס
רב ואב"ד האלמין
מח"ס שמירת המצוות כ"ח חלקים
קובץ ספרים בעניני כשרות מ"ג חל'
ברוקלין, נוא יארק יע"א

**Rabbi S. Y. Gross**
**Rabbi Of Holmin**
**4711 12-th Ave.**
**Brooklyn, N.Y. 11219**
**(718) 436-8086**


# קול ברמה - עם ה' עד מתי תשקטו?

# אַ רוף צו רבנים און אַלע אידן !!!

# ספרי תורות תפילין ומזוזות שרויים בצער

עס איז באַוואוסט, אַז מיט 20 יאָר צוריק איז נתגלה געוואָרן דער גרויסער מכשול וועגן **קלף - פּאַרמעט** פון ס"ת תפילין ומזוזות, אַז עס איז בכלל נישט געווען כשר אפילו בדיעבד, און יאָרן לאַנג וואָס רוב אידען זענען נכשל געוואָרן מיט פסוליע קלף, וואָס אפילו דער סופר איז געווען אַ צדיק אַ ירא שמים אָבער אויב דער קלף איז פסול העלפט גאָרנישט.

עטליכע סופרים האָבן געשריבען מודעות בימים ההם אַז ווער עס האָט ביי זיי געלאָזט שרייבען ס"ת תפילין ומזוזות די לעצטע 15 יאָר איז אַלעס פסול און איז גרייט איבער צו שרייבען פאַר אַלע **בחנם**, (ליידער האָבן נישט אַלע סופרים געקענט עומד בנסיון זיין אַרויס קומען מיט אַזאַ קול קורא), בשעתו איז דאָס נתפרסם געוואָרן אין אַלע שוהלן. ערליכע סופרים האָבן אָנגעפאַנגען אַליין צו מאַכן קלף.

## ליידער איז יעצט נתגלה געוואָרן פרישע מכשולות - ועוד חזון למועד!

איך וויל פרעגען? פאַרוואָס אַלע מיני קענדיס און טשאָקאָלאַדן איז דאָ דערויף אַ הכשר, און פונקט קלף וואָס דאָס איז איינס פון די יסודות אין יהדות החרדית און פון די דברים העומדים ברומו של עולם זאָל נישט זיין קיין פיקוח בי"ד אויף דעם.

# וואו זענען אַלע קהלות און די בתי דינים ???

# עם ה' לא נחשה

יעדער איינער וואָס יראת ה' נוגעת ללבו און ער איז חס אויף כבוד שמים זאָל צוהעלפן להסיר מכשול, אַז אידישע קינדער זאָלן נישט נכשל ווערן אין עון פון ברכה לבטלה און זיין חלילה אַ קרקפתא דלא מנח תפילין ח"ו - און עובר זיין ח"ו יעדע רגע אויף אַ מצות עשה פון מזוזה.

יעדער איינער זאָל זיין געוואָרענט - הזהרו מן הזייפנים - פאַר ער קויפט תפילין ומזוזות און ס"ת זאָל ער זיך פאַראינטערעסירן צו די פאַרמעט האָט אַ הכשר פון אַ אמת'דיגן ערליכן רב אָדער בי"ד.

**אויך אינטערעסירט אייך אויף אייערע תפילין און מזוזות וואָס איר האָט יעצט אויב עס איז געשריבען געוואָרן אויף אַ כשר'ע קלף.**

וע"ז באעה"ח נר ה' דחנוכה שנת תש"ס לפ"ק

**שלום יהודה גראס**
**אבדק"ק האלמין יצ"ו**